

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פי מטויים
תשפ"א צפייק
גליון קע"ג

## פראגע

**איז דא א וועג אויסצוגלייכן די סתירות צווישן די כראנאלאגיע פון די תורה און להבדיל די סעקולערע היסטאריקער בנוגע וועלכע יאר די חורבן בית המקדש איז געווען?**

## ענטפער:

יא, ס'איז דא א גוטע וועג עס אויסצוגלייכן און דאס איז **נאכצוגיין די היסטאריע פון די תורה**. איך וועל אייך זאגן פארוואס. מענטשן זענען נאאיוו. זיי כאפן נישט וואס ליגט אונטער די סעקולערע היסטאריקער. זייער היסטאריע איז מאניפולירט פאר א צוועק, און דער צוועק איז צו בארעכטיגן די קריסטליכע ביכער.

יעצט, די קריסטליכע ביכער זענען נישט געשריבן געווארן דורך געלערנטע מענטשן. יעדער וואס ווייסט נאר אביסל וועגן זייערע ביכער קען באמערקן די אמעראצעס פון זייערע ערשטע שרייבער. און דערפאר איז גענצליך איבריג און ס'איז נישט דא קיין שום סיבה פארוואס מיר זאלן זיך דארפן אפגעבן אויסצוגלייכן אונזער כראנאלאגיע מיט זייערס. לאז זיי אויסגלייכן זייערע מיט אונזער.

מיר זענען די וואס האבן א פונקטליכע כראנאלאגיע לויט די סדר הדורות. אידן רעכענען נישט בלויז יארן; מיר רעכענען לויט דורות. און מיר האבן יעדן דור אין די רייע אנגעהויבן פון אנהייב ביז אראפ צו היינטיגע צייטן. מיר ווייסן אלע דורות. און דערפאר איז עס גענוג פאר אונז.

די חשבון פון די יארן בנוגע די דורות אין די תנ"ך איז קלאר אויסגערעכנט, און דאס איז גענוג. דאך איז נוצבאר צו וויסן וואס א געוויסער שרייבער האט געשריבן – איך וויל אים נישט געבן דעם כבוד צו דערמאנען זיין נאמען; אבער א געוויסער סעקולארער שרייבער זאגט אז ס'איז דא זייער א גרויסע צעמישעניש אין די סעקולארע כראנאלאגיע. דאס קומט ווייל ס'איז געבויט אויף עגיפטישע כראנאלאגיע. די גאנצע סעקולארע כראנאלאגיע איז באזירט אויף די אור-אלטע עגיפטישע רעקארדס. אבער די אור-אלטע עגיפטישע רעקארדס זענען ווי פאלימפסעסט.

איר ווייסט וואס פאלימפסעסט איז? ס'איז אן אלטע מגילה פון פארמעט וואס מ'האט געשריבן איין שיכט אויף'ן צווייטן. ווען איינער האט געוואלט עפעס שרייבן און געדארפט א בלאט, האט ער אויסגעמעקט א חלק פון די אלטע שריפט און געשריבן עפעס אויף'ן פלאץ פון די אלטע אותיות. עס ווערט גערופן פאלימפסעסט. עקספערטן וואס ווילן אנטדעקן וואס די ארגינעלע שריפט איז געווען, פאטאגראפירן די יעצטיגע שריפט, און דערנאך מעקן זיי עס פארזיכטיג אויס, און זיי פרובירן צו דערשנאפן פון אונטער דעם די קריצן וואס איז געבליבן פון די ערשטע שריפט. דאס איז אן ארבעט פאר עקספערטן. ס'איז איין סארט שריפט ארויפגעשריבן אויף אן אנדערע סארט שריפט.

דאס האט פאסירט צו די עגיפטישע כראנאלאגיע. איר ווייסט אז עגיפטן האט געליטן פון א נידערלאגע. מצרים איז אונטערגעבראכן געווארן אין די צייטן פון די מכות. נאך יציאת מצרים הערט מען נישט פון זיי פאר א משך פון 500 יאר. טראצדעם וואס ארץ ישראל איז הארט נעבן מצרים, און סיי בעפאר די תקופה פון יציאת מצרים און סיי לאנג-נאכדעם אין די צייטן פון שלמה איז מצרים געווען א מעכטיגע לאנד. איז וויאזוי קען אזא קליינע לאנד ווי די אידן בײַם טיר פון מצרים און פאר 500 ווערט מצרים בכלל נישט דערמאנט? פינף הונדערט יאר! ס'איז א מערקווירדיגער פאקט. דער ענטפער איז אז מצרים איז אזוי חרוב געווארן פון די מכות אז פאר פינף הונדערט יאר האט עס געפוסטעוועט. עס האט זיי געדויערט א לאנגע צייט זיך צו ערהוילן.

דורכאויס די וויסטע צייט זענען אלע עגיפטישע רעקארדס צוגרינד געגאנגען. און ווען היסטאריקער האבן אנגעהויבן צו שרייבן, איז עס געווען ווי שרייבן אויף אלטע רעקארדס. ווען הערודאטוס האט אנגעהויבן איבערצושרייבן די היסטאריע פון די אור-אלטע עגיפטישע רעקארדס, וואס האט ער געטון? ער האט גענומען די צוויי סעטס פון רעקארדס וואס זענען געליגן איינס אויף'ן צווייטן, און ער האט נישט געוואוסט אז ס'איז געווען א 500 יעריגע לאך אינדערצווישן – ער האט געמיינט אז זיי זענען געווען איינס נאכן צווייטן. וועגן דעם האט ער געמאכט זייער גרויסע טעותים פון אראפגעבן א כראנאלאגיע וואס האט נישט אינאכט גענומען די שפאלט אין היסטאריע.

דארפן מיר זיך יעצט פלאגן צו מאכן שטימען אונזער היסטאריע – די אמת'ע כראנאלאגיע, מיט די צווייפלהאפטיגע כראנאלאגיע פון העראדאטוס?! ס'איז א שאד די צייט.

דערפאר גייען מיר נאך די לעבעדיגע מסורה; מיר האבן נישט געהאט אזא פארניכטונג ווי עגיפטן; אונזער מסורה לויפט ברצופות דור אחר דור, און דערפאר האבן מיר אין אונזערע הענט די פונקטליכע כראנאלאגיע פון אלע דורות. יוסיפוס שרייבט ביים ענדע פונעם צווייטן חורבן אז מיר האבן בכתב אלע דורות פון אונזערע כהנים פון אהרן הכהן ביז יענעם דור. ד.מ. אויב מ'האט די נעמען פון אהרן הכהן ביזן חורבן בית שני, האבן מיר אלע דורות פון אדם הראשון ביזן חורבן בית שני! ס'איז דא די פונקטליכע שלשלת יוחסין פון אדם הראשון ביזן סוף פון בית שני.

במילא איז דאס גענוג; מיר דארפן נישט מער פון דעם. זאלן זיי זיך אליינס זארגן איבער אויסגלייכן זייערע רעקארדס מיט אונזערע. (#175)

## ענטפער:

**פראגע**

**אויב דער אויבערשטער איז אינטערעסירט בלויז אין די אידן, פארוואס הערשן מיר נישט איבער דער וועלט?**

קוקט אינעם פסוק פון וואס מיר האבן היינט גערעדט: **"רק אתכם ידעתי מכל משפחות האדמה"** – נאר אין ענק בין איך אינטערעסירט פון אלע פעלקער פון דער ערד, **"על כן אפקוד עליכם את כל עונותיכם"** – וועגן דעם באצאל איך ענק פאר אלע אייערע זינד (עמוס, ג' ב'). דאס מיינט אז טאקע ווייל ער איז אינטערעסירט אין אונז, טוט ער וואס ס'איז די בעסטע פאר אונזער תכלית.

מאַכט איז נישט גוט פאר אונז; דער אמת איז אז ס'איז נישט גוט פאר קיינעם. עס איז געווען א צייט, אין די צייטן פונעם ערשטן בית המקדש, ווען דער אויבערשטער האט אונז געגעבן הערשאפט אבער נאכדעם האט זיך אויסגעפעלט אונז צו געבן אן אנדערע באהאנדלונג אנשטאט מאכט. און דאס איז ווייל ער האט אונז ליב; און ער ווייזט אונז זיין ליבשאפט מיט דאס וואס מיר באקומען.

דער רמב"ם אין זיין "אגרת תימן" זאגט: אויב אידן זענען אז זיי ווערן געפייניגט, מען נעמט צו זייערע פארמעגנס און זיי ווערן פארפיינטעט, זאגט ער **"תפארת היא לנו וכבוד גדול"** – עס איז א שיינקייט פאר אונז און א גרויסער כבוד.

מיר דארפן פארשטיין אז הקב"ה האט אונז אפגעזונדערט פאר'ן צוועק פון אונז געבן א ספעציעלע **באהאנדלונג**, און אלס רעזולטאט איז כלל ישראל געווארן און געבליבן די בעסטע פאלק. איר האט נישט קיין השגה ווי סך מיר בענעפיטירן פון ווערן גע'רודפ'ט! ס'איז ווערד דאס צו שטודירן; מיר האבן נישט יעצט די צייט אבער טראכט עס איבער – וואס רדיפות האט געגעבן פאר כלל ישראל.

איך וועל אייך זאגן איין זאך. איך האב אמאל שפאצירט אין א פארטא ריקאַ'נער שכינות און איינער פון זיי האט אויפגעהויבן א באל און עס געווארפן אויף מיר. איך האב אויפגעהויבן דעם באל און צוגעגאנגען צו אים – עס איז דארט געווען א גאנצע גרופע פון זיי – און איך האב אים אנגעהויבן אנצושרייען. איך בין נאך געווען א נייער אין יענע געגנט, און איך האב אים אויסגע'מוסר'ט.

דאן האב איך אפגעשטעלט א מאטאריסט און אים געבעטן צו ברענגען פאליציי. די פאליציי איז קיינמאל נישט אנגעקומען, און איך שטיי דארט און רעדט צו דעם פארטא ריקאנער. איך האב אים געזאגט, "אויב וואלסטו שפאצירט אין א אידישע קווארטאל וואלט איינער געווארפן א באל אויף דיר?" יעצט הערט וואס ער האט מיר געענטפערט: ער איז געווען א ווארטזאגער פאר אלע פון זיי וואס זענען דארט געשטאנען. ער האט געזאגט אין א צעבראכענעם ענגליש, "איר אידן זענט געקומען פון אייראפע; איר זענט גע'רודפ'ט געווארן, וועגן דעם וואלט איר נישט געטון עס אזוי אויך. מיר וואלטן עס אויך נישט געטון, אבער די רדיפות האבן אונז געמאכט **בעסער**."

אויב א איד וואלט אמאל געווארן שיכור אין מזרח-אייראפע וואלט ער געווען א פארטיגער. א שיכור'ער איד וואלגערט זיך צווישן גוים? דאס איז אלעס וואס האט זיך אויסגעפעלט מ'זאל אים ערלעדיגן. א איד האט זיך נישט געקענט ערלויבן צו זיין אנגעטרונקען. א איד האט זיך נישט געקענט ערלויבן צו זיין ווילד. מען האט זיך אלץ געדארפט אויפפירן מיט איינגעהאלטנקייט און דיפלאמאטיע. צי ווייסט איר וואס דאס מיינט? דורות אויף דורות פון לעבן מיט ערנסטקייט און פארזיכטיגקייט? מען האט זיך נישט געקענט ערלויבן צו טון קרימינאלע שטיק און האבן א שלעכטע נאמען.

און דערפאר האט כלל ישראל געבליבע אונטער יענע אומשטענדן; זייער כאראקטער האט געשיינט. ווייל נאך אלעם, וואס איז דער ציל פון לעבן? סתם מאכט? גשמיות'דיגע הנאות? זיי זענען געווען גליקליכער ווי די גוים ווייל זיי האבן מצליח געווען אינעם אויפבויען וואס ס'איז באמת וויכטיג – זייער כאראקטער. עס איז נישט קיין ספק אז די רדיפות אויף אונזער פאלק האט אונז געמאכט פאר די בעסטע פאלק; מיר זענען אזוי אויך געווען די בעסטע פאלק, אבער עס האט אונז געמאכט נאך בעסער.

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
.Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# אין אלע ספרים געשעפטן!

דער ספר וואס וועט
דערלייכטן אייערע אויגן,
און דערפרישן אייער נשמה!




אידיש!

## הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
צוזאמגענומען אין איין באנד

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973


ב"ס"ד
שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
וועכענטליך אויף אימעיל
עוֹנֶג שַׁבָּת
אידיש
תזריע-טהרה
שנת תשע"ה לפ"ק
וביום השמיני ימול בשר ערלתו
נאר אידיש
עוֹנֶג שַׁבָּת
לה"ק-אידיש
תזריע-טהרה
שנת תשע"ה לפ"ק
וביום השמיני ימול בשר ערלתו
לה"ק אידיש
$4.00
מַרְגְּנִיתִין
לקט מובחר מגליונות בלשון הקודש על
פ' שמיני
שנת תשע"ה לפ"ק
נאר לשון הקודש
זמירות שבת
$1 א וואך מועדים $3
בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק
זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782
אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער שמחה, שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק












צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב